ערשטער נומער פון זיבעטען יאהרגאנג
לאָדז, תשרי ה'תר"ץ

# בית יעקב
## חודש זשורנאל

אָרגאַן פאַר די אינטערעסען פון בית-יעקב-שולען און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילען
רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָהן

| | | |
|---|---|---|
| **דער ציעל פון די בית-יעקב שולען:** צו ערציהען די יודישע טעכטער אין גייסט פון דער יודישער תורה און ישראל'ס היסטאָרישע אידעאַלען. | **אַבאָנאַמענטס-פּרייז:** א יאָהר 8 גילד. אויסל.: 2 דאָלאַר. — געלד פריהעראויס. אדרעס פאַר געלד: Łódź. P. K. O. 65.613 | **דאָס פּראָגראַם פון בנות אגודת ישראל:** שליכט-ערפילונג פון דער יודישער פרוי אין דער לעזונג פון די יודישע פּראָבלעמען אין גייסט פון תורה ומסורה. |

## צום זיבעטען יאָהרגאַנג!

נומער 47

7 יאָהרגאַנג

מיט'ן היינטיגען נומער טרעט בית-יעקב-זשורנאל אריין אין זיין זיבעטען יאָהרגאַנג. זעקס יאָהר פון שווערע קאַמפען און ביטערע ראַנגלעניש האָט דער זשורנאַל אונטער זיך. נישט דאָ איז דאָס אָרט צו דערצעהלען די גרויסע קרבנות, וואָס די לייטונג פון בית-יעקב-זשורנאל האָט געברענגט, בכדי דעם זשורנאַל נישט צו מוזען ליקווידיר'ען. עס וועט זיין גענוג בלויז צו כאַפּען אַ בליק אויף די גלגולים, וואָס דאָס אָרטאָדאָקסישע פּרעסע-וועזען בכלל, האָט דורכגעמאַכט במשך פון די זעקס יאָהר, בכדי זיך איבערצייגען וויפיל עקשנות'דיגע ענערגיע און אונטערנעמונגס-גייסט מ'האָט געמוזט פאַרמאָגען מיט בית-יעקב-זשורנאל צו שטעהן אויף דער וואך זעקס יאָהר!

און זאָלען וויסען אַלע אונזערע פריינד, אז נישט איינמאָל פאַר דער צייט, זענען מיר געווען כמעט ווי מיואש, נאָך צו קענען ווייזען אויף דער ליכטיגער שיין אונזערע בית-יעקב-בלעטער. מיר האָבען זיך אָבער תמיד „געגעבען אַ קניפּ אין דער באַק און די פאַרב איז ווידער געוועז צוריק רויט"... מיר האָבען אין די שווערסטע צייטען פון מאַטעריעלער דחקות און ביי די אומדערטרעגליכסטע בעדינגונגען זיך נישט אונטערגעגעבען דעם גורל, און ברוך השם מיט טריאומף בלעטערן מיר היינט דאָס גרויסע דיקע זעקס-יעהריגע באַנד, פון 47 נומערן און מיר קענען זיך נישט זאַט-לייענען, פון דעם אוצר מאמרים, שעהנע ליטעראַטור און פרעהליכע כראָניק-נאָטיצען, וואָס פולען אָן די העכער טויזענד זייטען פון בית-יעקב-זשורנאל.

און ווי בעשיידען מיר זאָלען נישט זיין, האָבען מיר דאָך כשר זיך פערדינט צו קענען שטאָלץ זיין אויף דעם, וואָס בית-יעקב-זשורנאל האָט אויך זיין אקטיוו צו פערצייכענען: בית-יעקב-זשורנאל איז געווען דער גרויסער שופר, וועלכער האָט געוועקט דאָס חרד'ישע יודענטום אין גאַר דער וועלט, צו פע"ענטפערן די האַרבע חנוך-הבנות פראַגע, דורכ'ן גרינדען די בית-יעקב-שולען. פון בית-יעקב-זשורנאל שטאַמט די איניציאַטיוו צו גרונדען די בנות-אגודת-ישראל אָרגאַניזאַציעס. בית-יעקב-זשורנאל האָט בעאיינפלוסט טויזענדער יודישע טעכטער און זיי מכניס געווען תחת כנפי השכינה. בית-יעקב-זשורנאל האָט פערטריבען פון טויזענדער יודישע יונגע פרויען-הערצער דעם שטן פון אסימילאַציע. בית-יעקב-זשורנאל האָט איינגעפלאַנצט אין פיל, זעהר פיל בנות-ישראל, די ליבע צום יודישקייט, צו יודישער טראַדיציע און צום יודישען לשון! בית-יעקב-זשורנאל האָט מיט טיפער פערשטענדניס גאַנץ געמאַכט די ריסען פון פיל יודישע משפחות, פראָפאַגירענדיגע טרייקייט און ליבע פון קינדער צו זייערע רעליגיעזע עלטערן.

בית-יעקב-זשורנאל האָט זיך בעמיהט צו געבען זיינע לעזער און לעזערינס געדאַנקען רייכע און יהדות-וויסענשאַפטליכע מאמרים, ערנסטע און טיפזיניגע שטודיעס, איבער פערשידענע יודאַאיסטישע פּראָבלעמען און אַלץ פון דער פעדער פון מומחים, אויטאָריטעטען, רבנים און געלעהרטע. בית-יעקב-זשורנאל האָט אויך מהנה געווען זיינע לעזער מיט שענער ליטעראַטור, ערצעהלונגען, סקיצען, נאָוועלען, לידער, פּאָעמען א. א. וו. א אמת-גייסטיג פערגעניגען האָט געבראַכט דעם לעזער יעדער נייער נומער און אָפט איז דערוואַכט געוואָרען מצד אונזערע שטענדיגע לעזער יעדעס נייע העפט מיט שפּאַנונג.

